UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Tsvey Hundert Yor Los Andzsheles/ : Two Hunderd Years in Los Angeles

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/1d2749z6

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 97(1)

**Author**
S. Nutkevitz, S. Nutkevitsh/

**Publication Date**
1981

**Copyright Information**
Copyright 1981 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# ביי אונדז אין לאָס אַנדזשעלעס

ס. נוטקעוויטש

## די פייערונג פון 200 יאָר לאָס אַנדזשעלעס *)

עס ווערט איצט צוויי הונדערט יאָר זינט דער אַנטשטייונג פון אונדזער שטאָט לאָס אַנדזשעלעס. גלייכצייטיק ווערט אויך 132 יאָר זינט יידן האָבן אָנגעהויבן זיך צו באַזעצן אין קאַליפאָרניע. דעם 4טן סעפטעמבער, 1781, האָט דער מעקסיקאַנער גאָווערנאָר פיליפאָ דע באַווא אָפיציעל פּראָקלאַמירט די גרינדונג פון דער שטאָט מיטן נאָמען: „די שטאָט פון אונדזער ליידי די קעניגין פון די מלאכים״.

פון היסטאָרישע קוואַלן איז באַקאַנט אַז די געגנט איז נאָך אין יאָר 1550 געווען באַוווינט פון אַ שבט שאָשאָני אינדיאַנער, וואָס זיינען פאַריאָגט געוואָרן פון די שפּאַניער וואָס זענען אָנגעקומען פון מעקסיקאָ. עס איז אויך באַוווסט, אַז ביי דער גרינדונג פון לאָס אַנדזשעלעס האָבן דאָ געוווינט 44 איינוווינערס, וואָס זיינען באַשטאַנען פון „מישלינגען״ און האָבן גערעדט אויף פאַרשידענע שפּראַכן. צווישן זיי זיינען אויך געווען צוויי יחידים אָפּשטאַמיקע פון שוואַרצע. זייערע וווינונגען זיינען געווען געבויט פון בלאָטע, ליים און שטיינער. עס זיינען אויך געווען עטלעכע געצעלטן. קיינער פון זיי האָט נישט געקענט לייענען אָדער שרייבן. בלויז איינער האָט געהאַט אַ פאַך — שניידער. די אַנדערע האָבן זיך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט און פיי־צוכט.

אין 1847 האָט אַמעריקאַנער מיליטער פאַרכאַפּט לאָס אַנדזשעלעס, וואָס מעקסיקאָ האָט איין יאָר שפּעטער פרייוויליק אָפּגעגעבן צו אַמעריקע. פון דעם מאָמענט הייבט זיך אָן דער גרויסער שוווּנג פון קאַליפאָרניע און פון דער שטאָט לאָס אַנדזשעלעס. אין יאָר 1850 האָט ל. א. געציילט 1610 איינוווינערס. ביסלעכווייז איז די שטאָט געוואַקסן אַזוי אַז אין 1890 איז די צאָל שוין געווען איבער פופציק טויזנט.

יידן האָבן אָנגעהויבן קומען קיין לאָס אַנדזשעלעס ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער „גאָלד־געיעג״ פון די 1850 יאָרן. לויט דעם צענזוס פון 1850 אין דער ל. א. קאַונטי זיינען פאַרציכנט געוואָרן אַכט יחידים וואָס זיינען וואַרשיינלעך געווען יידן. צוויי פון זיי, אברהם יאַקאָבי און מאָריס מייקלס, זיינען געווען אָפּשטאַמיקע פון פוילן און זעקס, מאָריס גודמאַן, פיליפּ סיטשעל, אוגוסטין וואַסערמאַן, יעקב פראַנקפאָרט, פעליקס באָרמאַן און יוסף פלאָמער, האָבן אָנגעגעבן זייער געבורטס אָרט דייטשלאַנד. יעקב פראַנקפאָרט איז דער איינציקער וואָס האָט געהאַט אַ פאַך, שניידעריי, און האָט געוווינט אין דעם פאַלאַץ פון דעם זייער רייכן און אָנגעזעענעם אַלעקסאַנדער בעל, וואַרשיינלעך איז ער געווען דער פאַמיליע־שניידער פון דער בעל משפחה.

די נייע יידישע אימיגראַנטן זיינען געווען יונג, ענערגיש, אונטערנעמעריש און ענטוזיאַסטיש. זיי האָבן באַגערט רייך צו ווערן, און דאָס געפינען גאָלד אין קאַליפאָרניע האָט צעשפּילט זייערע פאַנטאַזיעס. מען דאַרף אָבער אויך נעמען אין אַכט די דאַן עקזיסטירנדיקע יידן־באַגרענעצונגען אין דייטשלאַנד און אין פוילן, וואָס איז דאַן אָקופּירט געווען פון די רוסישע צאַרן.

די אימיגראַציע פון יידן אין אַמעריקע האָט בכלל דאַן זיך פאַרגרעסערט. אין 1825 זיינען אין לאַנד געווען זעקס טויזנט און אין 1880 איז זייער צאָל געוואַקסן ביז 280 טויזנט. ווי באַוווּסט איז די אימי־

*) מאַטעריאַלן און סטאַטיסטיק גענומען פון די פאָרש־אַרבעטן פון פּראָפ. פרעד מאַסאַריק און פון ד״ר ברוס פיליפּס.

גראַציע ביז 1880 אממייסטן באַשטאַנען פון דייטשישע יידן. ביים סוף פון די 70קער יאָרן איז די אימיגראַציע באַשטאַנען על־פּי־רוב פון פּוילישע און רוסישע יידן, וואָס זיינען פאַרפאָלגט געוואָרן פון פּאָגראָמען און אַנטיסעמיטיזם.

עס ווערט געשאַצט, אַז אַרום צען טויזנט יידן האָבן צוליבן „גאָלד־געיעג" איבערגעוואַנדערט קיין קאַליפאָרניע. אומגעפער אַ העלפט פון זיי האָבן זיך באַזעצט אין און אַרום סאַן פראַנציסקאָ. אַרום פינף טויזנט האָבן זיך באַזעצט אין און אַרום לאָס אַנדזשעלעס.

אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער יידישער אימיגראַציע איז געווען דער באַגער צו וווינען צווישן יידן. און אַז ס'איז געקומען די צייט פון יידישע ימים טובים, ספּעציעל ראש השנה, יום כיפור אָדער פסח, זיינען יידישע היימען געווען אָפן און זייער גאַסט־פריינדלעך.

צוזאַמען מיטן אָפּהיטן יידישע ימים־טובים אַנטוויקלט זיך די באַדערפעניש פון שולן און מנינים. אַ גרופּע יידן האָבן ראש השנה און יום כיפור פון 1850 געדאַוונט אין אַ געצעלט פון לואיס פראַנקלין און אַן אַנדער גרופּע האָט געדאַוונט אין אַ צימער איבער אַ געשעפט אין סאַן פראַנציסקאָ. אין 1852 ווערן שוין אָפּגעהאַלטן רעגולערע „גאָטעס־דינסטן" אין לאָס אַנדזשעלעס אונטער דער אָנפירונג פון דזשאָזעף ניימאַרק, אַן אימיגראַנט פון דייטשלאַנד מיט רבנישער אויסבילדונג, וועלכער איז נאָך אין 1824 געקומען קיין ניו־יאָרק.

די פּאָפּולערקייט פון לאָס אַנדזשעלעס צוליבן „גאָלד־געיעג" און ביזנעס־מעגלעכקייטן ברענגט וואָס אַמאָל מער יידישע אימיגראַנטן. אַ גרויסע ראָלע האָט אויך געשפּילט דער וואַרעמער קלימאַט פון קאַליפאָרניע. די מערהייט פון די יונגע יידישע אימיגראַנטן איז באַשטאַנען פון פרייע, נישט־באַווייבטע מענער. זיי זיינען געווען זייער באַוועגלעך און האָבן געפירט זייערע געשעפטן וואַנדערנדיק מיט פערד און וואָגן פון איין אָרט צום צווייטן באַפרידיק דעם נאָכפרעג און פאַרלאַנג פון סחורות פאַר דער וואַקסנדיקער באַפעלקערונג. שפּעטער ווען די שיף־טראַנספּאָרטאַציע און די אייזנ־באַנען האָבן זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען איז געווען צו באַוואונדערן ווי גיך די יידישע הענדלערס און פּעדלערס האָבן אויסגענוצט די נייע געלעגנהייט פאַר זייער מסחר. פון אָפיציעלע דאָקומענטן איז צו זען, אַז יידן האָבן זיך פאַרנומען מיטן האַנדל פון קליידער, שיך, שפּייז און טיילוויז אויך ריעל־עסטייט, ספּעקולאַציע מיט ערד.

ווי גיך די יידישע איינוואַנדערונג קיין לאָס אַנדזשעלעס איז געוואַקסן קען מען זען פון די פאָלגנדיקע ציפערן:

| | | | |
|---|---|---|---|
| אין | 1905 | — — | 2,000 יידן |
| אין | 1912 | — — | 10,000 יידן |
| אין | 1920 | — — | 18,000 יידן |
| אין | 1927 | — — | 65,000 יידן |
| אין | 1940 | — — | 82,000 יידן |
| אין | 1953 | — — | 315,000 יידן |
| אין | 1964 | — — | 492,000 יידן |
| אין | 1980 | — — | 503,000 יידן. |

אינטערעסאַנט, אַז די אָפּשטאַמיקייט פון יידן אין אונדזער שטאָט, לויט די מאַטעריאַלן פון פּראָפעסאָר מאַסאַריק, איז די מערהייט יידן אין לאָס אַנדזשעלעס אין יאָר 1953 באַשטאַנען פון קנאַפּע 68% אַמעריקאַנער געבוירענע. איבער 13% אָפּשטאַמיקע פון רוסלאַנד. קנאַפּע 5% פון פּוילן. קנאַפּע 3% פון דייטשלאַנד און עסטרייך. די רעשט שטאַמען פון אונגאַרן, רומעניע, ענגלאַנד און די באַלטישע לענדער. ווייניקער פון 1% שטאַמט פון ספרדישע יידן.

* * * * *

נאָכן היטלער חורבן האָט זיך דאָס בילד פון די יידישע איינוווינערס אין לאָס אַנדזשעלעס אַ סך געענדערט. נאָך מיט דרייסיק יאָר צוריק זיינען יידן דאָ געווען פאַרטראָטן מיט טויזנטער אַרבעטער אין דער אינדוסטריע, אין טרייד־יוניאָנס, ווי באַקליידונג, בעקעריי, מעבל און אין האַנדל.

די יידיש־וועלטלעכע אינסטיטוציעס ווי דער אַרבעטער רינג, דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, אַרבעטער אָרדן, יידישער קולטור קלוב, יידישע קינדער־שולן — זיי אַלע האָבן געציילט טויזנטער מיטגלידער און אָנגעפירט אַ שעפערישע

# בערנאַרד גליקמאַן ע״ה

זונטיק, דעם 8טן פעברואַר, 1981, (ד׳ אדר א׳) האָט מען געבראַכט צו אייביקער רו דעם געזעלשאַפטלעכן עסקן און פּועלי ציון פירער, בערנאַרד גליקמאַן ז״ל.

בערנאַרד גליקמאַן איז געבוירן געוואָרן אין 1894 אין דעם שטעטעלע בערשענקאָוויטש, ניט ווייט פון וויטעבסק, די היים־שטאָט פון אַ צאָל אָנגעזעענע ייִדישע קינסטלערס, אַריינגערעכנט זיין עלטערן ברודער, גרישאַ גליקמאַן, וועמענס ווערק געפינען זיך אין די חשובסטע מוזייען אין איראָפּע און אַמעריקע. ער האָט געקראָגן אַ טראַדיציאָנעלע ייִדישע דערציונג אָבער גלייכצייטיק אויך גענאָשט פון דער רוסישער ליטעראַטור.

קיין אַמעריקע איז ער געקומען אין 1913 און זיך באַזעצט אין וואַשינגטאָן די־סי. ער טרעט אַריין אין דער פּועלי־ציון באַוועגונג און ווערט אַ געטרייער תלמיד פון דעם אָנגעזעענעם שרייבער און טוער, משה פּרייליכאָוו (געשטאָרבן אין יאַנואַר 1981). אין די מלחמה־יאָרן האָט זיך גליקמאַן באַפריינדעט מיט יצחק בן־צבי, וועמען די טערקן האָבן אַרויסגעטריבן פון פּאַלעסטינע. ער איז דאָן געקומען קיין אַמעריקע, וווּ ער האָט פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט אין דער „לייבערערי אָוו קאָנגרעס", אַרבעטנדיק צוזאַמען מיט דוד בן גוריון אויף דעם באַרימטן בוך „ארץ ישראל". גליקמאַנס פריינדשאַפט מיט בן־צבין האָט אָנגעהאַלטן לאַנגע יאָרן און בערנאַרד איז געווען שטאָלץ אויף זיין חבר, דער „נשיא פון ישראל".

אין 1918 האָט זיך בערנאַרד גליקמאַן באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס. אַ מומחה אין חשבון פירונג איז ער געווען אָנגעשטעלט ביי אַ „פּראַדיוס" פירמע ביז 1951 ווען ער איז געוואָרן דער ליטער פון דער „פאָלקס־אָרגאַניזאַציע" ביי דעם קאַמפּיין פון ישראל באָנדס. ווען ער איז אַלט געוואָרן 80 יאָר האָט ער זיך צוריקגעצויגן פון זיין אַמט.

בערנאַרד איז געווען אַ בן־בית אין דער ליטעראַטור און קולטור אין ענגליש, רוסיש און ייִדיש. גאָר קליין איז געווען די צאָל פון די פּועלי ציון, וואָס האָבן געקענט אויפקלערן די סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע אידעען אין אַ שיינעם ענגליש. בערנאַרד איז געווען פון די געציילטע און צוזאַמען מיט ד״ר נתן זאַלצמאַן, פון די ערשטע וואָס האָבן אויפגעקלערט די צילן פון דער באַוועגונג פאַר די אַנגליזירטע פון דער ייִדישער קהילה אין לאָס אַנדזשעלעס. זיין ייִדיש איז אויך געווען זאַפטיק, אידיאָמאַטיש און רייך מיט משלים. זיינע רעדעס זע־

---

טעטיקייט און האָבן געהאַט אַן אָנגעזעענעם איינפלוס אויפן ייִדישן לעבן. היינט צו טאָג זיינען מיר עדות פון אַ גרויסער ענדערונג. אין אונדזער קורצן אַרטיקל איז נישט מעגלעך זיך אָפּצושטעלן אויף די פאַקטאָרן וואָס האָבן גורם געווען אָט די ענדערונג. אונדזער שטאָט מעג זיך באַרימען מיט גרויסע ייִדישע פּאָעטן, נאָוועליסטן, וויסנשאַפטלער, קינסטלער, און לערער, וואָס האָבן אין פאַרשיידענע צייטן באַווירקט דאָס היגע ייִדישע לעבן. די סינעמאַ אינדוסטריע איז געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט דורך ייִדישער איניציאַטיוו און פינאַנערישקייט.

צו דער פייערונג פון צוויי הונדערט יאָר לאָס אַנדזשעלעס און הונדערט צוויי און דרייסיק יאָר פון ייִדישער באַטייליקונג אין דער אַנטוויקלונג פון דער מערקווירדיקער שטאָט, קומט די ייִדישע באַפעלקערונג מיט אַ שיינעם און אַנערקענטן בילאַנס פון קאָלאָסאַלע אויפטואונגען.

זינט דער גרינדונג אין 1854 פון דער „היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי", וואָס האָט איינגעקויפט לאַנד פאַר אַ ייִדישן בית־עולם, ביז דער ייִדישער פעדעראַציע קאָונסיל מיט אַ בודזשעט פון איבער פערציק מיליאָן דאָלער איז אַ גרויסער מהלך. דערפאַר האָבן זיך אויך פאַרברייטערט אונדזערע ייִדישע פּראָבלעמען, וואָס וואַרטן אויף אַן ענטפער. ס'איז כדאי זיך צו פאַרטיפן אויף זיי.